בס״ד

# עונג שבת

## פרשת ויגש תש״ע

**גוט שבת אלע אידן.** די טעלעפאן האט זיך געקלינגען דריי אזייגער ביי נאכט ביי די פאסקאוויץ משפחה. די פלוצלינגע קלינגען האט אויפגעוועקט רב משה פאסקאוויץ פון טיפען שלאף. רב פאסקאוויץ, דער רב פון דעם ״תורה סענטער״ אין הילקרעסט קווינס, ניו יארק, איז שנעל אויפגעשטאנען פון בעט כדי צו גיין ענטפערן דעם טעלעפאן. זיין הארץ האט געציטערט טראכטענדיג וואס קען זיין אזוי וויכטיג צו רופן אזוי שפעט ביי נאכט. ער האט מורא געהאט אויפצוהייבן דעם טעלעפאן, אבער ער האט עס ב״ה געענטפערט פאר עס האט זיך אויפגעהערט צו קלינגען.

״איר זענט ראביי פאסקאוויץ?״ האט אן עלטערער קול געפרעגט אויף דעם טעלעפאן. ״יא,״ האט דער רב געענטפערט, ״און ווער ביסטו? איז אלעס אין ארדנונג?״ האט דער רב געפרעגט דעם קול.

״ראביי, אנטשולדיגט מיר ביטע, פארן רופן אין מיטן די נאכט, אבער איך האב אייך געזוכט פאר די לעצטע דריי שעה. איך ווייס נישט אויב איר געדענקט מיר. איך הייס מר.ווארטהעענטאן פון קאנארסי.״

רב פאסקאוויץ האט געטראכט ווי שנעל עס איז געווען מעגליך דריי אזייגער אין מיטן די נאכט. ער האט געוואוינט אין קאנארסי אסאך יארן פריער. וועגן דעם האט ער זיך געדארפט אנשטרענגען צו געדענקן דעם נאמען וואס ער האט יעצט געהערט אויפן טעלעפאן. צו זיין אייגענעם ערשטוינונג, האט ער פלוצלינג געדענקט א געשעניש וואס ער האט נישט געטראכט דערפון אסאך יארן. ״זענט איר דער מענטש צו וועמען איך האב געגעבן א ׳היטש׳ בערך 15 יאר צוריק?״ ״יא, איך בין דער מענטש!״ האט דער מענטש געזאגט.

ווי אזוי האט רב פאסקאוויץ געקענט עס פארגעסן? עס איז געווען א נאכמיטאג אין דעם ווינטער פון תשמ״ו. ער איז געפארן אויף ״ראלף״ אוו. אין ברוקלין. יענע טאג איז געווען מוראדיגע שווערע וועטער, עס האט גערעגנט פארפרוירענע רעגען און עס האט געבלאזן א שטארקע ווינט. טוילען זיך אינטער דעם איבערהאנג פון א כשרע גראסערי איז געווען א מיטעלע עלטער מענטש. דער מענטש האט געהאלטן זעקלעך פול מיט זאכן וואס ער האט לכאורה געקויפט ביי דעם געשעפט. רב פאסקאוויץ האט געזען ווי דער מענטש האט נישט געהאט קיין שירעם, און וועגן דעם האט דער מענטש מורא געהאט ארויסצוגיין אויף דעם גאס, ארויס פון דעם געשעפט.

רב פאסקאוויץ האט געטראכט אז ער איז מחויב צו העלפן יענעם איד. ער האט אפגעשטעלט זיין קאר צו געבן א רייד פאר דעם איד. ער האט געעפענט זיין פענסטער און ער האט געזאגט דורך דעם רעגן און ווינט, ״האלו! איך בין ראביי פאסקאוויץ פון דעם יאונג איזריעל. איך קען אייך אפשר געבן א רייד?״

״דאס וואלט געווען שיין,״ האט דער מענטש געזאגט, ״אבער איך בין נישט קיין איד. אפשר ווילסטו מיך נישט נעמען?״

״איך בין א ראביי,״ האט רב פאסקאוויץ געזאגט פאר דעם מענטש. ״איך בין גרייט צו העלפן יעדען איינעם.״ רב פאסקאוויץ האט זיך פארגעשטעלט אז עס איז שוין געווען צו שפעט אויסדרייען פון נעמען דעם מענטש אפילו ער איז געווען א גוי, ווייל ער האט נישט געוואלט מאכן קיין חילול השם.

רב פאסקאוויץ האט געהאלפן דעם מענטש ארייננפאקן אלע פעקלעך אין דעם קאר, דאן האט דער גוי גענומען זיין פלאץ אין דעם קאר. דער גוי האט געזאגט פאר רב פאסקאוויץ וואו ער וואוינט, און רב פאסקאוויץ האט אנגעהויבן צו פארן צו יענע גאס. רב פאסקאוויץ האט געפרעגט דעם גוי מיט א נייגעריגקייט, ״זאג מיר, אויב דו ביסט נישט אידיש, פארוואס קויפסטו ביי די כשרע גראסערי?״

״דאס עסן איז נישט פאר מיך,״ האט דער גוי געזאגט. ״איך וואוין אין א דירה, און עס וואוינט אן עלטערע אידישע מאן און פרוי אויף מיין שטאק.ביידע פון די אידן זענען צו שוואך ארויסצוגיין פונעם הויז. זיי קענען אפילו נישט גיין קויפן עסן. וועגן דעם גיי איך איינמאל א וואך צו קויפן וואס זיי דארפן. איך ווייס אז זיי עסן נאר כשר, וועגן דעם קויף איך נאר וואו אלעס איז כשר.״

הערענדיג די ווערטער האט רב פאסקאוויץ זיך געפרייט א גרויסע שמחה אז ער האט געקענט טון א טובה פאר דעם מענטש, אפילו ער איז געווען א גוי. ער האט אים אהיימגעפירט און ער האט אים אפילו געהאלפן ארויסנעמען אלע פעקלעך. ער האט געלויבט דעם גוי פאר די טובה וואס ער טוט פאר די עלטערע אידן.

יעצט, 15 יאר שפעטער האט רב פאסקאוויץ צוגעהערט דעם גוי׳ס קול אויף דעם טעלעפאן. ״ראביי,״ האט דער גוי מר. ווארטהעענטאן געזאגט צוריקהאלטענדיג טרערן, ״דער איד וואס איך פלעג ברענגען אלע כשרע עסן פאר אים אזוי סאך יארן, איז אוועק נעכטען, און עס איז נישט דא קיינער אים צו באגראבן! ער האט נישט קיין קינדער און זיין פרוי אליינס איז אוועק עטליכע יארן צוריק. איך האב געדענקט אז איר זענט געווען פון דעם סינאגאג (שול) אין קאנארסי, און האב גענומען די לעצטע צוויי דריי שעה פרובירן אייך צו געפינען. עס האט גענומען א שטיק צייט, ביז איך האב געטראפן איינעם וואס האט מיך געזאגט אז איר זענט געגאנגען וואוינען אין קווינס. איך האב יעצט געקריגט דיין נאמבער פון דעם אפעראטור, אנטשולדיגט מיר פארן רופן אזוי שפעט. איר זענט דער איינציגסטער ראביי וואס איך קען... טאמער איר גייט נישט עפעס טון, גייט די שטאט באגראבן דעם אלטען איד אין ״פאטטערס פעלד!״ (א פעלד וואו מען באגראבט ארעמע גוים). איך ווייס אז ער וואלט געוואלט ווערן באגראבט אין א אידישע בית הקברות (בית החיים). מיינט איר אז איר קענט עפעס טון צו העלפן?״ האט דער גוי געענדיגט זאגן פאר רב פאסקאוויץ.

רב פאסקאוויץ האט באדאנקט דעם גוי, אראפגעלייגט דעם טעלעפאן און גלייך אנגעהויבן שתדלנות פאר דעם מת מצוה. ב״ה אז ער האט געקענט ערלעדיגען די קבורה. ער האט אבער נישט געקענט ערלעדיגען א מנין ביי דער לוויה. וועגן דעם איז נאר ער אליינס געווען דארט אין די בית חיים. ער האט מספיד געווען דעם איד שטילערהייט זאגנדיג, ״איר האט געדארפט זיין אן אדם כשר, ווייל אין די זכות פון היטן כשרות, האט איר זוכה געווען צו קבורת ישראל.״

זאגט די הייליגע תורה ״...כל הנפש לבית יעקב הבאה מצרימה שבעים.״ ווען מען קוקט אויף די צאל פון נעמען וואס די תורה רעכענט אויס, זעט מען אז אס זענען געווען נאר 69 מענטשן וואס זענען געקומען קיין מצרים. זאגט די מדרש אז די שכינה אליינס איז באטראכט געווארן פאר איינע פון די זיבציג בני משפחה וואס זענען אריינגעגאנגען אין מצרים. (מדה״ג מו,ד) ווייזט מען אז גלות מצרים איז א דוגמה פון אלע אנדערע גליות. וועגן דעם, קען מען אפשר זאגן אז פונקט אזוי ווי די שכינה האט באגלייט די אידן אין די מצרישע גלות, טוט די הייליגע שכינה באגלייטן אונז אויך אין דעם היינטיגען גלות, עס זאל שוין זיין די גאולה. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט יעצט דערציילט.

דאס איז א מוראדיגע חיזוק פאר אונז אידן וואס ווארטן שוין אויף די גאולה בכל יום עטליכע צוויי טויזענט יאר. דער אייבערשטער זאגט אונז אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין, ווייל די שכינה באגלייט אונז אין גלות אויך. ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום. גוט **שבת אלע אידן.**

**גוט שבת אלע אידן.** די וואכעדיגע סדרה רעדט פון דעם הסתלקות פונעם צדיק יעקב אבינו ע"ה. זאגט די הייליגע גמרא "יעקב אבינו לא מת." יעקב אבינו איז נישט געשטארבן. (תענית ה:) איינע פון די פשוטים פון דעם איז אזוי: א מענטש האט א רוחניותדיגע המשך דורך זיין קינדער. אז אפילו איינער איז שוין נישט דא אויף די וועלט, האט ער א קיום דורך זיין קינדער וואס פירן זיך אויף ערליך. דער פאלגענדער מעשה ווייזט אויף די בחינה.

דאס יאר איז געווען תרס"ו ווען די שובארט משפחת איז געקומען וואוינען אין אמעריקע. דאס לעבן איז געווען שווער פאר אידן אין אמעריקע. אפילו מען האט עס גערופן "די גאלדענע מדינה," האבן אסאך אידן נעבאך געהונגערט אין די ערשטע יארן. איינע פון די שווערסטע זאכן איז געווען דאס וואס די גויאישע וועלט האט געארבעט זיבן טעג א וואך. פיל אידן האבן נעבאך נישט בייגעשטאנען דעם נסיון, און זיי האבן נעבאך געארבעט שבת. דער טאטע פון דער שובארט משפחה האט זיך אבער געהאלטן פעסט. יעדער פרייטאג איז ער אהיימגעקומען און ער האט איבערגעגעבן פאר זיין בני בית אז ער איז אפגעזאגט געווארן פונעם ארבעט, ווייל ער איז נישט מסכים געווען אריינצוקומען שבת.

עס האט נישט געמאכט קיין חילוק אז די שובארט משפחה האט נישט געהאט קיין סאך געלט, האבן זיי סיי ווי סיי מהדר געווען די הייליגע שבת מיט אלע מיני מטעמים. די מסירת נפש פאר שבת וואס דער טאטע פון דער משפחה האט געהאט איז געווען מוראדיג.

איין שבת איז געשען אבער א שרעקליכען אומגליק אין דעם שובארט היים. יעקב דוד שובארט איז דעמאלט געווען 5 יאר אלט. בשעת ער איז געגאנגען לעבן דעם טיש וואו די שבת ליכט זענען געווען, האט ער בטעות געריקט דעם טיש און די ליכט זענען געפאלן אויף אים און זיי האבן אנגעצינדען זיין קליידונג, השם ישמרנו. זיין מאמע האט פרובירט אויסצולעשן דעם פייער אבער דאס קינד איז נעבאך זייער שטארק אפגעבריט געווארן. ב"ה אז מען האט געראטעוועט דעם קליינעם קינד יעקב דוד'ס לעבן, אבער ער איז פארברענט געווארן איבער א דריטל פון זיין קערפער. דאס פייער האט געמאכט אסאך שנארן (צייכנס פון א פארהיילטער וואונד) איבער זיין גוף. ווען ער איז געווארן עלטער האט ער זיך אבער נישט געשעמט פון דעם. אדרבה, ער האט עס גערופן זיין "שבת ליכט."

אזוי ווי מען האט געזאגט, איז יעקב דוד אויפגעוואקסן אין שווערע צייטן אין אמעריקע. דעמאלט זענען נישט געווען קיין סאך תלמוד תורה'ס און ישיבות. דאס גויאישע גאס האט אים נעבאך זייער שטארק געצויגן. מיט די יארן איז ער ליידער געווארן ווייניגער און ווייניגער פרום. יעקב דוד האט שוין געהייסן "דזשעק" און ער האט נעבאך נישט געלעבט ווי א איד. אבער, אפילו ער האט זיך דערווייטערט פון אידישקייט, האט ער זיך אייביג שטאלצירט מיט דעם רושם אויף זיין גוף וואו די הייליגע שבת ליכט האבן אים פארברענט. אפילו ער האט ליידער נישט געהיטן קיין שבת, האט ער געוואוסט אז שבת איז דער אייבערשטער'ס מתנה צו זיין באליבטען פאלק.

אפאר יאר שפעטער האט דזשעק חתונה געהאט. ערשט האט ער געוואוינט אין די בראנקס. נאכדעם איז ער געגאנגען וואוינען אין ניו דזשערסי וואו זיי האבן געהאט זייערע ערשטען קינד וואס זיי האבן גערופן "פייטל" אדער "פיליפ." איין טאג איז עס געשען אז פיליפ האט געזען די צייכענס פון דעם פייער אויף זיין טאטען'ס גוף. פיליפ איז געווארן זייער דערשראקן צו זען עס אויף זיין טאטען. אבער זיין טאטע האט אים בארוהיגט און אים מסביר געווען ווי אזוי ער איז אפגעבריט געווארן אלס קינד. אפילו ער איז געווען זייער יונג, האט דער מעשה געמאכט זייער א שטארקען איינדרוק אויף פיליפ. פיליפ האט נישט פארשטאנען פונקטליך וואס מיינט "שבת," אבער זיין הארץ האט אים געזאגט אז ער מוז זיך אינטערעסירן אין שבת ווען ער וועט ווערן עלטער.

פיליפ האט קיינמאל נישט פארגעסן דעם טאג וואס זיין טאטע האט אים דערציילט דעם מעשה וועגן די "שבת ליכט." דורך די יארן האט ער געווארט אויף דעם געלעגענהייט צו געוואר ווערן וואס מיינט שבת. איין טאג, ווען פיליפ איז געווארן אביסל עלטער, האט ער שטודירט אין אוניווערסיטעט. עס האבן געוואוינט דארט עטליכע שומר שבת משפחות אין דעם געגענט.

אמאל האט א אידישע משפחה איינגעלאדענט פיליפ צו קומען אויף א שבת סעודה. ער האט נישט געוואוסט וואס שבת איז, אבער ער האט געוואלט וויסן. ער איז אריינגעקומען צו יענער משפחה'ס הויז פרייטאג צו נאכטס און ער איז נתפעל געווארן צו זען די צוויי שבת ליכט צום ערשטען מאל אין זיין לעבן. ער האט זיך דערמאנט פון זיין טאטען'ס "שבת ליכט." ער האט אבער קיינמאל געזען עכטע שבת ליכט! דעמאלט האט ער אנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן אין אידישקייט. צוביסלעך איז ער ב"ה געווארן אינגאנצן שומר תורה און מצוות. "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם!" דורך דעם האבן די נשמות פון זיין זיידע און טאטע געהאט א "חיות!"

היינט, ניין און דרייסיג (ל"ט כנגד די ל"ט מלאכות) יאר נאך זיין ערשטע שבת, הייסט פיליפ שוין "ר' פייטל." ער איז א חשובער איד און ער איז משפיע אויף אסאך אנדערע אידן. דורך די יארן האט ער שוין אויסגעלערנט הונדערטע תלמידים וועגן דעם שיינקייט פון תורה און וועגן דעם הייליגקייט פון שבת קודש, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן געזונטערהייט. **גוט שבת אלע אידן.**

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!